בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון פ"ח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת מקץ - חנוכה
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### זִיךְ גוּט אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען

אַ מְלַמֵּד דַארְף שׁוֹין לֶערְנֶען דִי סֶדְרָה אַ וָואךְ פָארְאוֹיס, כְּדֵי עֶר זָאל גוּט קֶענֶען דִי חוּמָשׁ, עֶס צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים. הַיינְט אִיז דָא גוּטֶע חֻמָּשִׁים אוֹיף אִידִישׁ, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין טוֹבוֹת פוּן קֵיינֶעם, צוּ בַּאקוּמֶען קַאפִּיס פוּן טַייטְשׁ אוֹיף דִי סֶדְרָה, יֶעדֶער קֶען זִיךְ אַלֵיינְס קוֹיפְן דִי חֻמָּשִׁים אוּן זִיךְ פָּארְקוּקְן דִי סֶדְרָה.

אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גֶעפְרֶעגְט אַ מְלַמֵּד: **"דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער?"** הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: **"יָא, אָבֶער אִיךְ דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְפְרִישְׁן, וַוייל אִיךְ גְרֵייט זִיךְ לֶעצְטְנְס נִישְׁט אָן וָואס אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער"**, דָאס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט צוּ הֶערְן, וַוייל אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט פַאר עֶר קוּמְט אִין כִּתָּה וָואס עֶר גֵייט לֶערְנֶען, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען זוּנְטָאג אִין חֵדֶר אוּן אָנְהֵייבְּן פְרֶעגְן פוּן אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים טַייטְשׁ פוּן חוּמָשׁ.

### מַיין כִּתָּה אִיז מַיין הוֹיז

לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, עֶר אִיז בִּיז יֶעצְט גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד אוּן הַיינְט אִיז עֶר אַ מְלַמֵּד אִין שְׁטֶעטְל, אִיז אֵיינֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעפְרֶעגְט: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן דֶעם אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעבְּרֶענְגְט 'דְרַייסִיג בַּאקְסֶעס' אִין חֵדֶר? - וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ דֶעם?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"הַלְוַואי זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע מְלַמְּדִים!"**

דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט צֶעטְלֶעךְ אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר אִיז מַסְבִּיר דָאס לֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דָאס צוּ הֶערְן, וַוייל דָאס מֵיינְט אַז עֶר קוּקְט אָן זַיין כִּתָּה וִוי זַיין הוֹיז, פִּינְקְט אַזוֹי וִוי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז וֶוען אַ חָתָן הָאט חֲתוּנָה פַּאקְט עֶר זִיךְ נִישְׁט סְתַּם אַבִּי גֶעפַּאקְט, כְּאִילוּ עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וואוּ מֶען גֵייט אִים אַרַיינְלֵייגְן מִיט דִי בַּאקְסֶעס, נָאר עֶר פַּאקְט זִיךְ גֶעהֶעריג מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, וַוייל דָא גֵייט עֶר וואוֹינֶען, - דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טוּט דֶער מְלַמֵּד, עֶר בַּאטְרַאכְט זַיין כִּתָּה וִוי זַיין אֵייגֶענֶע הוֹיז, עֶר מַאכְט זִיכֶער צוּ הָאבְּן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אֲפִילוּ אַ בֶּעזֶעם, אַ שָׁאוְול אוּן אַ זֵייגֶער.

### וָואס הֵייסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד?

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר הַיינְט דֶערְצֵיילְט אַז דִי וָואךְ הָאט עֶר זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ כִּתָּה אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער מְלַמֵּד שְׁטֵייט אוֹיף אַ לֵייטֶער אוּן גֵייט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, עֶר וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער וִוי דִי מַלְאָכִים זֶענֶען **"עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ"** (בְּרֵאשִׁית כח, יב), זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ. דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מַמָּשׁ מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי סֶדְרָה, זֵיי זֶעעֶן דֶעם מַלְאָךְ אוּן דִי לֵייטֶער.

אִיךְ זָאג עֶס אִיבֶּער, נִישְׁט וַוייל אִיךְ וִויל אַז יֶעדֶער זָאל דָאס נָאכְמַאכְן, נָאר 'תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד', נֶעם פוּן דֶעם אַרוֹיס וִוי שֵׁיין מֶען קֶען אַרָאפְּלֵייגְן דִי פַּרְשָׁה פַאר דִי קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: וָואס הֵייסְט אַ גוּטֶער כִּתָּה א' מְלַמֵּד? - אַז עֶר זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר שְׁפִּילְט מִיט זֵיי, אוּן עֶר מַאכְט מִיט דִי קִינְדֶער אַ רִיזִיגֶע א' מִיט זֵייעֶרֶע לֶעגְאוֹס, אוּן נָאכְדֶעם וַוייזְט עֶר פַאר דִי קִינְדֶער: **"קוּקְט, דֶער א' הֵייבְּט אוֹיף אֵיין הַאנְט אוֹיף אַרוֹיף, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע הַאנְט גֶעבְּט עֶר פַאר אַנְדֶערֶע, עֶר טוּט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע"**.

## הֵיים אַרְבֶּעט

### מַאכְן אַ פְּרָאגְרֶעם פוּן הֵיים אַרְבֶּעט

אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן דִי לֶערֶערִינְס מֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער וָואס אִיז 'וִויכְטִיג' אִין לֶעבְּן. אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן וֶוערְן דָאקְטוֹרִים, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן וֶוערְן בּוּכְהַאלְטֶערְנְס, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן קֶענֶען אַרְבֶּעטְן, אִיךְ וִויל אַז דִי תַּלְמִידוֹת זָאלְן קֶענֶען פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי 'בֵּית פֵיגָא' שׁוּלֶע, הָאבְּן מִיר בַּאשְׁטִימְט אַז מִיר מַאכְן נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער קַיין 'הֵיים אַרְבֶּעט', כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים; דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע זַאךְ אוּן אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט טוֹישְׁן, אָבֶער 'אַבִּיסְל' וִויל אִיךְ עֶס יָא טוֹישְׁן, אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת אוּן דִי לֶערֶערִינְס מֶען זָאל אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַ פְּרָאגְרַאם צוּ מַאכְן אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אוּן הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער מִיט רִיכְטִיגֶע לִימוּדִים, זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס אִיז וִויכְטִיג. אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס דִי מֵיידְלֶעךְ זוּכְן אַרוֹיסְצוּלוֹיפְן פוּן הוֹיז, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין קְהִלָּה וָואס אִיז אַ 'חֲסִידוּת' וואוּ מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן צוּ בָּאטֶעס, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן שִׁיעוּרִים, מֵילָא אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן אִינְדֶערְהֵיים אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ בָּאטֶע אָדֶער מְלַוֶּה מַלְכָּה - אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אָבֶער אַז מֶען קֶען אִין דִי צַייט אַוֶועקְפַּאקְן דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, אִיז וִוי בָּאטֶע? וָואס בָּאטֶע?! וָואס לוֹיפְט מֶען אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ?! וָואס גֵייסְטוּ אַרוֹיס שְׁמוּעֶסְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס?! רוֹים אַרָאפּ דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, דָאס אִיז דַיין הֵיים אַרְבֶּעט!

פַארְוָואס מַאכְן אַנְדֶערֶע שׁוּלֶעס 'הֵיים אַרְבֶּעט'? וַוייל מֶען וִויל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אִין גַאס מִיט חַבֶרְ'טֶעס, דֶערְפַאר מַאכְט מֶען 'הֵיים אַרְבֶּעט'

מִיט בְּחִינוֹת וְכוּ', אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט, אִיךְ וִויל נִישְׁט דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן דַארְפְן מַאכְן אִינְדֶערְהֵיים בְּחִינוֹת וְכוּ', אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס, מֶען דַארְף אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַ מְהַלֵךְ וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן אַן עוֹל צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים.

אֶפְשָׁר קֶען מֶען פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג: **"וָואס הָאסְטוּ נֶעכְטְן גֶעמַאכְט? וָואס אִיז גֶעוֶוען דַיין 'הֵיים אַרְבֶּעט'? הָאסְט גֶעהָאלְפְן דַיין מַאמֶע אָדֶער דוּ הָאסְט זִיךְ סְתַּם גֶעשְׁפִּילְט מִיט חַבֶרְ'טֶעס?"** אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן דַארְפְן עֶנְטְפֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן.

אַ פְרוֹי הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי זוּכְט אַ דְזְשַׁאבּ יֶעדְן טָאג פַאר אַפָּאר שָׁעָה, אוּן בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט זִיךְ מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ מַאכְן נַאכְטְמָאל אוּן צוּ מַאכְן דִי װֶעשׁ פַאר אִיר מַאן, הָאבּ אִיךְ צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִיר מַאן, אֶפְשָׁר זָאל זִי נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט פוּן אַרְבֶּעטְן צְוֵויי שָׁעָה אַ טָאג... - װֶעלְכֶע אַרְבֶּעט? יֶעדְן טָאג פוּן צֶען אַזֵייגֶער בִּיז צְוֶועלְף אַזֵייגֶער זָאל זִי מַאכְן נַאכְטְמָאל, מְסַדֵר זַיין דִי װֶעשׁ אוּן אוֹיפְרוֹימֶען דִי הוֹיז, אוּן אֶפְשָׁר װֶעט מֶען אִיר בַּאצָאלְן...

### דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים, אִיךְ בֶּעט עֶנְק, דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; סִיפּוּרֵי צַדִיקִים פְלַאמְט אוֹיף דָאס הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס קוּקְן אוֹיף דִי אַרְבֶּעט נִישְׁט וִוי אַ פַּרְנָסָה, נָאר הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

◆◆◆

## - יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים -

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְכִים, פַּרְשַׁת וַיֵשֶׁב שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### עֲבוֹדָה קָשָׁה שֶׁבַּמִקְדָשׁ

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען, זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס מִיר הָאבְּן.

מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער; מְלוּמְדוּת אִיז אַ גוּטֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וָואס מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן זִיךְ צוּזַאם אִין אֵיין טָאג. אוּן װֶען אִיךְ זָאג 'אַ מְלַמֵד' מֵיין אִיךְ נִישְׁט נָאר דִי מְלַמְדִים, אִיךְ מֵיין יֶעדְן, דִי לֶערֶערִינְס, דֶער מְנַהֵל, דִי מְנַהֶלֶת, אוּן װֶער עֶס אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, אַלֶע אַרְבֶּעטְן גוּט שְׁוֶוער; עֶס אִיז נִישְׁט סְתַּם אַן 'עֲבוֹדָה קָשָׁה', אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, נָאר עֶס אִיז 'מֵעֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת שֶׁבַּמִקְדָשׁ', דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט.

וָואס וִויל דֶען דֶער מְלַמֵד? עֶר וִויל פָּשׁוּט אַבִּיסְל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, אוּן יֶעדֶע מִינוּט װֶערְט עֶר גֶעשְׁטֶערְט דוּרְךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; יֶעצְט שְׁטֶערְט דֶער קִינְד, יֶעצְט הָאט דֶער קִינְד גֶעגֶעבְּן אַ הַאק, יֶעצְט הָאט דֶער קִינְד גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטוֹיס פַאר אַ צְוֵוייטְן, יֶעצְט קְרִיגְן זִיךְ אַפָּאר קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט הַאלְט מֶען וַוייטֶער נִישְׁט מִיט וָואס אִיךְ לֶערְן פָאר, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם פְּרוּבִּירְט דֶער מְלַמֵד מִיט סַבְלָנוּת אוֹיף אַלֶע סָארְט װֶעגְן צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אוּן עֶנְדְלִיךְ װֶען הָאט עֶר שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער הֶערְן אִים שׁוֹין אוֹיס, קוּמְט אַ פְרִישֶׁע יָאר, עֶר דַארְף אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ מִיט דִי נֵייעֶ קִינְדֶער, אוּן עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ נָאכְאַמָאל זִיצְן מִיט קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים.

אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער פַאר מְלַמְדִים צוּלִיבּ דִי עֶלְטֶערְן; װֶען אַ מְלַמֵד רוּפְט אָן אַ טַאטֶע זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן װֶעגְן זַיין זוּן, עֶר זָאגְט אִים: **"רֶעד צוּ דַיין זוּן, עֶכְט אִיז עֶר אַ וואוּיל קִינְד, נָאר..."** - הָאט דָאךְ דֶער טַאטֶע נִישְׁט קֵיין כֹּחַ אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם מְלַמֵד, וַוייל עֶר אַרְבֶּעט נֶעבֶּעךְ בִּיטֶע שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּם מְלַמֵד: **"לָאמִיר אָפּ, רוּף מִיךְ נִישְׁט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט קֵיין גוּטֶער מְלַמֵד".**

װֶער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ זַיין קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן דֶערְצֵיילְט אַז דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אָדֶער עֶר הָאט אִים עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, דֶעמָאלְט רוּפְט עֶר גְלַייךְ דִי הַנְהָלָה שְׁרֵייעֶן: **"אִיךְ צָאל מֶער נִישְׁט קֵיין שְׂכַר לִימוּד, וַוייל מֵיין זוּנְ'ס מְלַמֵד פַייניגְט אִים!"...**

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וִוי שְׁוֶוער אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען יָא, אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען וִוי שְׁוֶוער דוּ אַרְבֶּעטְסְט מִיט דִי קִינְדֶער לְשֵׁם שָׁמַיִם, פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער.

### אַ מְלַמֵד מוּז קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן, אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט צוּ דִי קִינְדֶער אָנְגֶעגְרֵייט, אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען פוּן דִי מְלַמְדִים וָואס טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי, אוּן מֶען שַׁאצְט עֶס אָפּ מוֹרָא'דִיג שֵׁיין.

אַ מְלַמֵד דַארְף קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער אָנְגֶעגְרֵייט, אַ מְלַמֵד דַארְף שׁוֹין לֶערְנֶען דִי חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַ וָואךְ פָארְאוֹיס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז יֶעצְט אִיז פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח - דַארְף עֶר שׁוֹין קֶענֶען דִי חוּמָשׁ פוּן 'פַּרְשַׁת וַיֵשֶׁב', אוּן אַז יֶעצְט אִיז פַּרְשַׁת וַיֵשֶׁב - דַארְף עֶר שׁוֹין קֶענֶען דִי חוּמָשׁ פוּן 'פַּרְשַׁת מִקֵץ'. עֶר דַארְף שׁוֹין פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל אָדֶער אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים וִויפִיל פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן וִויפִיל רַשִׁ"י'ס מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער.

קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן, קִינְדֶער וֵוייסְן צִי דֶער מְלַמֵד אִיז גוּט פָארְגֶעקוּקְט אָדֶער נִישְׁט, נִישְׁט קֵיין חִילוּק װֶעלְכֶע יָארְגַאנְג דִי קִינְדֶער זֶענֶען.

מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט וָואס מֶען גֵייט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס דֶער לִימוּד אִיז, חוּמָשׁ, רַשִׁ"י, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכוֹת אוּן נָבִיא, מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט! מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז 'אִיךְ װֶעל שׁוֹין זֶען וָואס אִיךְ װֶעל הַיינְט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער'.

### חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים

עֶס קוּמְט יֶעצְט דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, װֶעל אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְדִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: **"חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַ יוֹם טוֹב וָואס מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין דִי קִינְדֶער".**

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נָאךְ אֵיינֶער וָואס זָאל אַזוֹיפִיל רֶעדְן פוּן פָארְן קֵיין אוּמַאן - וִוי מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל פָארְן קֵיין אוּמַאן, נִישְׁט נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה נָאר אוֹיךְ אִינְמִיטְן יָאר, אוּן אֲפִילוּ אִין אַ צַייט פוּן מִלְחָמָה, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט, מֶען זֶעט אִין דִי בְּרִיוו וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי װֶערְטֶער: **"פָאר קֵיין אוּמַאן", "פָאר קֵיין אוּמַאן", "פָאר קֵיין אוּמַאן"**, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה קֵיין אוּמַאן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן פָארְן קֵיין אוּמַאן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אַ טַאטֶע מוּז חֲנוּכָּה זַיין אִינְדֶערְהֵיים; אוֹיסֶער אַ בָּחוּר אָדֶער אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, זֵיי קֶענֶען פָארְן קֵיין אוּמַאן.

פַארְוָואס דַארְף דֶער טַאטֶע זַיין 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' אִינְדֶערְהֵיים, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער: **"יְוָנִים יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי..."** אוּן זֵיי

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים

דֶערְצֵיילְן אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען יְוָנִים וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן זֵיי בַּאזִיגְט, וַוייל חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

### דֶער וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ זִינְגֶען נִיגוּנִים קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, אוּן זֶען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע צוּמִיס אוּן בָּאטִיס וֶוערְטֶער קֶעגְן דִי אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם (עַיֵין מֶדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד), אוּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעטוּן פּוּנְקְט פַארְקֶערְט ווִי דִי יְוָנִים, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אֱמוּנָה אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיף יֶעדֶע צֶעטְל זָאל מֶען אוֹיפְשְׁרַייבְּן 'בס"ד' אַז יֶעדֶער זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח:).

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בַּאנֵייט דִי אֱמוּנָה, מֶען צִינְד אָן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל אִינְדְרוֹיסְן.

### אַרַיינְלֵייגְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער

דִי מְלַמְדִים דַארְפְן זִיךְ צוּרִיק מְחַדֵשׁ זַיין אוּן אוֹיפְפְרִישְׁן צוּ גֶעדֶענְקֶען 'וָואס אִיז מַיין פְלִיכְט', 'פַארְוָואס קוּם אִיךְ דָא אִין חֵדֶר' - אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה', זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק, דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה', ווִי אַזוֹי עֶטְץ הָאטְס גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים', ווִי דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פְלַאקֶערְט אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח).

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׂא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט זַיין הַאנְט וַוייל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי'לֶע הָאט עֶר גֶעפַּאטְשְׁט זַיין מַאמֶע, אוּן דוּרְךְ דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען שׁוֹין אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם', ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ טַאטֶע מַאמֶע.

### אַלֶעס וָואס דוּ רֶעדְסְט גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר מְלַמְדִים אַז 'קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס', אָבֶּער אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁפִּילְט, הֶערְן זֵיי אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט, אַלֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן גוּט אַרַיין אִין זֵיי.

אִיךְ בִּין שׁוֹין הֶעכֶער דִי פֶערְצִיג יָאר אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ נָאךְ יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִין חֵדֶר פוּן מַיינֶע מְלַמְדִים; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גוּטֶע מְלַמְדִים, עֶרְלִיכֶע מְלַמְדִים.

בִּשְׁעַת מַיין מְלַמֵד הָאט גֶערֶעדְט בִּין אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אִין כִּתָּה, מַיין קָאפּ אִיז מִיר אַוֶועק גֶעפְלוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטְרַאכְט 'וֶוען וֶוערְט שׁוֹין רִיסֶעס', אוּן 'וֶוען קֶען מֶען שׁוֹין גֵיין שְׁפִּילְן אוֹיפְן דַאךְ', אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִירְט אַלֶע שְׁפִּילֶערֵייעֶן, מִיר פְלֶעגְן שְׁפִּילְן דִי שְׁפִּילֶערֵייעֶן פוּן 'בַּאהַאלְטְן', 'גַלָחִים' אוּן 'מַלְאָכִים'... אוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעפִירְט אַ רֶעדְל, אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מַיין מְלַמֵד רֶעדְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעצִיטֶערְט יֶעדֶע וָואךְ פוּנֶעם פַארְהֶער וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם לִימוּד, אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אָבֶּער אַז יֶעצְט נָאךְ דִי פֶערְצִיג יָאר דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ צוּרִיק וָואס מַיין מְלַמֵד הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס מֶען מְלַמֵד הָאט גֶערֶעדְט וֶועגְן דַאוֶוענֶען אוּן פוּן טוּן מִצְוֹת.

אִיךְ גֶעדֶענְק אֲפִילוּ דִי שְׁטוּתִים וָואס דִי מְלַמְדִים הָאבְּן גֶערֶעדְט... דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מְלַמְדִים כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט, זֵיי טְרַאכְטְן אַז מֶען הֶערְט זֵיי סֵיי ווִי נִישְׁט אוֹיס אוּן דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען וָואס זֵיי רֶעדְן, דֶערְפַאר דֶערְצֵיילְן זֵיי זֵייעֶרֶע חֲלוֹמוֹת, - דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער? דוּ דֶערְצֵיילְסְט נַארִישֶׁע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער?! וֶוען מֶען קֶען כָאטְשׁ אַרַיינְלֵייגְן אוּן אַרַיינְפְלֶעכְטְן אִינֶעם עֶרְצֵיילוּנְג עֶפֶּעס שֵׁיינֶע זַאכְן - אִיז פֵיין, אָבֶּער סְתַּם דֶערְצֵיילְן שְׁטוּתִים אִיז נִישְׁט גוּט.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן - מַאךְ זִיךְ כָאטְשִׁיג ווִיסְנְדִיג; גֶעבּ זֵיי עֶפֶּעס, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט. אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען, דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ רַייכֶע קָרְבַּן - הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ פֵייגֶעלֶע.

מַאךְ זִיךְ ווִיסְנְדִיג פוּן דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים, טְרַאכְט אַ מִינוּט אַרַיין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אֵיין טָאג מִיט דִי קִינְדֶער; זֵיי זִיצְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז נָאכְמִיטָאג, מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט נָאךְ קִינְדֶער; זֵיי אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייז זֵיי אַבִּיסְל הַכָּרַת הַטוֹב.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען רוּפְט דִיר פוּן דִי מוֹסָד צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד - מַאךְ זִיךְ ווִיסְנְדִיג, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף צוּ דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דִי הַנְהָלָה פַארְוָואס נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי ווִי מֶען צָאלְט אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווִי לֶעקְטֶער אוּן גֶעז, וְכַדוֹמֶה, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט, וַוייל דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט - הַאקְט מֶען אָפּ; אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין לֶעקְטֶער - הַאקְט מֶען אָפּ דִי לֶעקְטֶער, אוּן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין גֶעז - הַאקְט מֶען אָפּ דִי גֶעז, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וֶוער זָאגְט אַז בַּיי שְׂכַר לִימוּד אַז נִישְׁט אַזוֹי? בַּיי שְׂכַר לִימוּד הַאקְט מֶען אוֹיךְ אָפּ דִי סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא פוּן הִימְל פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אוּן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

אַז מֶען רוּפְט דִיךְ פוּן דִי מוֹסָד - זָאלְסְטוּ

אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו צאָלן שׂכר לימוד; נישט זיך ווייסנדיג מאַכן.

חנוכּה איז אַ צייט פון חינוך, חנוכּה איז אַ צייט פון זיך מאַכן אַ חשבון 'וואס טו איך מיט די קינדער מיינע?' דער הייליגער רבי רש"ב פון ליובאַוויטש זכותו יגן עלינו האָט געזאָגט פאַר זיינע תּלמידים אַ שאַרפע הוראָה: "אַזוי ווי אַ איד האָט אַ חיוב יעדן טאָג אָנצוטון תּפילין, אַזוי אויך האָט יעדער איד אַ חיוב זיך אָפּשטעלן אַ האַלבע שעה יעדן טאָג, אויף טראַכטן וועגן די חינוך פון זיינע קינדער, און טון אַלעס וואס מען קען טון צו פאַרזיכערן אַז די קינדער זאָלן גיין אין די וועג וואס מען איז זיי מחנך".

איך בין שוין אין שטעטל, איך וועל זיין אין שטעטל ביז נאָך שבּת חנוכּה, די וועכנטליכער שיעור ליל שישי וועט די וואָך זיין אין שטעטל. יעדע מאָל איך קום אַהער ווער איך נאָכאַמאָל איבערגענומען פון די שיינע קהילה, פון די חסד, פון די יראַת שמים, פון די אידעלע משפּחות.

אַ פרייליכן ליכטיגן חנוכּה.

...

(קונטרס עצתו אמונה פּרשת ויחי תשפ"ג)

## אַז דער טאַטע קומט נישט אַהיים, זאָל די מאַמע צינדן מיט די קינדער

בעזרת ה' יתברך - א' פּרשת מקץ, כ"ה כסליו, א' דחנוכּה, שנת תשפ"ב לפרט קטן

אַז אייער מאַן קומט נישט אַהיים, זיין סדר איז פאַרדרייט; ער שלאָפט בייטאָג און איז אויף ביינאַכט, ער קומט ערשט אַהיים פאַרטאָגס - זאָלט איר צינדן די מנורה.

נעמט אייערע קינדער און צינדט מיט זיי די ליכט, זינגט מיט זיי די שיינע חנוכּה ניגונים און עסט די גוטע חנוכּה עסן; מאַכט זיכער מען זאָל שפּירן אַז עס איז חנוכּה.

איך בעט אייך זייער, פאַרלירט זיך נישט; גייט אָן מיט אייער לעבן, לאָזט זיך נישט נאָך. בעטס דעם אייבערשטן ער זאָל רחמנות האָבן אויף אייך, איר זאָלט האָבן כּח צו זיין די טאַטע און די מאַמע, איר זאָלט נישט אונטערברעכן. בעטס אים איר זאָלט זיין פריילעך, עס זאָל אייך גאַרנישט אָנגיין. אויך זאָלט איר בעטן פאַר אייער מאַן, עס זאָל זיין ליבשאַפט צווישן ענק.

איך בין זייער אַסאַך מתפּלל פאַר אייך, איר זאָלט האָבן כּח און נחת פון אייערע קינדער.

...

(קונטרס עצתו אמונה פּרשת ויגש תשפ"ב)

## וואס טוט מען מיט די פּורים געלט און חנוכּה געלט פון די קינדער?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיינע קינדער האָבן געלט וואס זיי האָבן באַקומען פון די זיידעס און באָבעס, פּורים געלט און חנוכּה געלט, מיין צען יעריגע לייגט אַוועק דאָס געלט, מיין אַכט יעריגע שפּילט זיך דערמיט, טוישט עס אויף יעדע פּאָר טעג אויף קלענערע און דערנאָך צוריק צו גרעסערע, און די פינף יעריגע וויל נאָר קויפן זאַכן און עס אויסגעבן אויף נארישקייטן.

מיין שאלה איז וואס איז די ריכטיגע וועג צו טון, עס לאָזן ביי זיי, אַוועקנעמען פון זיי, אָדער עס אַוועקלייגן פאַר זיי פאַר שפּעטערדיגע יאָרן?

איך האָב שוין פּרובירט עס צו נעמען פון זיי און אָפּשרייבן וויפיל זיי האָבן ביי מיר, אָבער יעדע פּאָר טעג בעטן זיי עס צוריק, אָדער וויל ער עפּעס קויפן דערמיט.

איך האָב געזאָגט פאַר די קינדער אַז איך גיי פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א, און וואס ער וועט ענטפערן אַזוי וועט מען טון.

יישר כּח

**תּשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פּרשת ויקרא, כ"ז אדר, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האָב ערהאַלטן דיין בריוו.

דאָס אַליינס וואס דו האָסט זיי געזאָגט אַז דו גייסט פרעגן און אַזוי וועלן מיר טון - דאָס איז זייער אַ שטאַרקע זאַך פאַר די חינוך פון די קינדער; דאָס איז פון די וויכטיגסטע זאַכן וואס עלטערן דאַרפן אויסלערנען און ווייזן פאַר די קינדער - אַז אַ איד פרעגט זיינע פראַגעס; מען גייט צום דיין, צום רב, מען פרעגט. אַזוי וועלן זיי טון, ווען זיי וועלן עלטער ווערן - וועלן זיי זיך זוכן אַ רב, אַ דיין, אַן ערליכער איד - זאָל זיי מדריך זיין.

לייג אַוועק זייער חנוכּה געלט און פּורים געלט - ביז זיי וועלן עלטער ווערן, דעמאָלט וועסטו זיי דאָס געבן. עס איז נישט גוט קינדער זאָלן האָבן געלט און דאָס אויסגעבן פאַר נארישקייטן.

דער אייבערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן שוין זוכה זיין צו (פּסחים קטז:): "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפּסחים"; און צו (מיכה ז, טו): "כּימי צאתך מארץ מצרים אַראנו נפלאות", אמן.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב פּסח תשפ"ג)

חינוך אָפּטיילונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב
קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370
קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876